**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט גרויזאמע שריט צו שטארקן אבארשען שיצונגען און צוטריט אלץ טייל פונעם פיסקאל יאר 2024 בודזשעט**

***שטעלט אוועק שיצונגען פאר פערזענליכע אינפארמאציע פון פרויען וואס זוכן אבארשען קעיר***

***העכערט מעדיקעיד געלטער ראטעס פאר ריפראדאקטיוו העלט קעיר סערוויסעס***

***נעמט אריין מאסנאמען וואס פאדערן פריוואטע אינשורירער צו דעקן מעדיצין אבארשען ווען פארשריבן אפ-לעיבעל פאר אבארשען***

***$100.7 מיליאן אין נייע געלטער צו שטיצן אבארשען פראוויידערס און ריפראדאקטיוו העלט קעיר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט גרויזאמע שריט אלץ טייל פון די פיסקאל יאר 2024 בודזשעט צו באשיצן אבארשען צוטריט און פארשטערקערן ניו יארק'ס סטאטוס אלץ א זיכערע פלאץ פאר אלע וואס זוכן אבארשען קעיר. די בודזשעט העכערט מעדיקעיד געלטער ראטעס צו שטיצן ניו יארק אבארשען צוטריט, שטעלט אוועק נאך אינפארמאציע שיצונגען פאר פאציענטן וואס זוכן ריפראדאקטיוו העלט קעיר, פארלאנגט פון פריוואטע אינשורירער צו דעקן מעדיצין אבארשענס ווען פארשריבן אפ-לעיבעל פאר אבארשען, און ווידמעט $100.7 מיליאן אין נייע געלטער צו שטיצן אבארשען פראוויידערס און ריפראדאקטיוו העלט קעיר.

"אין די צייט וואס עקסטרעמיסטן און ריכטער וועלכע זענען קעגן די רעכט פון מענטשן צו מאכן זייערע אייגענע באשלוסן זענען פאר צו צוריקדרייען אבארשען רעכטן אריבער דאס לאנד, קעמפן מיר צוריק דא אין ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פלענער און געלטער וועט שטיצן אבארשען צוטריט איבער די סטעיט, באשיצן פרויען וואס זוכן ריפראדאקטיוו העלט קעיר און פארברייטערן צוטריט צו אבארשען מעדיצין. אונטער מיין אויפזיכט, וועל איך פארזעצן צו זיכער מאכן אז ניו יארק פארבלייבט א זיכערע האפן פאר די וועלכע נויטיגן זיך אין אבארשען קעיר."

צו פארזיכערן אז ניו יארק טוט ווייטער האבן די שטערקסטע באשיצונגען פאר אבארשען צוטריט און צו אנהאלטן די קריטישע סערוויסעס, האט די פיסקאל יאר 2024 בודזשעט געהעכערט מעדיקעיד געלטער ראטעס פאר ריפראדאקטיוו העלט פראוויידערס.

צו באשיצן פערזענליכע אינפארמאציע, האט די בודזשעט אוועקגעשטעלט שיצונגען וואס פארמיידט פירמעס וואס זענען באזירט אין אדער אינקארפארירט אין ניו יארק סטעיט פון מיטיילן אינפארמאציע פאר אינדרויסן-פון-סטעיט געזעץ באאמטע וואס פירן דורך אויספארשונגען אין אבארשען פראצעדורן וועלכע זענען לעגאל אין ניו יארק סטעיט. קארפאראציעס און אסאסיאציעס זענען אויך פארבאטן פון

ארויסגעבן עלעקטראניש סיי וועלכע דיגיטאלע אדווערטייסמענט צו א באנוצער דורך נוצן גיאפענסינג ביי א העלט קעיר פאסיליטי.

צו פארברייטערן צוטריט צו מעדיצין אבארשען, נעמט די בודזשעט אריין מאסנאמען וואס פאדערן פריוואטע אינשורירער צו דעקן אנערקענטע מעדיצין אבארשען מיטלען, אפגעזעןפון FDA באשטעטיגונג און ווען פארשריבן אפ-לעיבעל פאר אבארשען. די מאסנאמען פארזיכערן אויך אז א פראוויידער זאל נישט באקומען העכערע מעדיצינישע מאלפראקטיק דעקונג ראטעס אדער פארלוסטן דעקונג צוליב פארשרייבן מעדיצינען אפ-לעיבעל אדער נישט באשטעטיגט דורך די FDA.

די FY 2024 בודזשעט רעכנט אויך אריין $100.7 מיליאן אין נייע געלטער פאר אבארשען פראוויידערס און ריפראדאקטיוו העלט קעיר:

- $25 מיליאן אין איבערגייענדע שטיצע פאר נאך שטיצע אבארשען צוטריט סערוויסעס
- $10 מיליאן אין סעקיוריטי גרענטס פאר ריפראדאקטיוו העלט צענטערס (איין-מאליג)
- $65.8 מיליאן אין נאך מעדיקעיד געלטער ($14.1 מיליאן סטעיט מיטטיילונג):
  - $14.9 מיליאן צו העכערן אבארשען דורך אפאראציע געלטער.
  - $35.2 מיליאן צו העכערן פאמיליע פלאנירן געלטער.
  - $15.6 מיליאן פאר אפטייקער פארשריבענע קאנטראסעפטיווס.

זינט די פאראייניגטע שטאטן סופרים געריכט האט ארויסגעגעבן די *Dobbs* אורטייל לעצטע יאר, אוועקגענעמענדיג פרויען'ס רעכטן פון מיליאנען, איז גאווערנער האקול געשטאנען אין שפיץ פונעם קאמף צו פארזיכערן צוגענגליכקייט פאר אלע וועלכע ווענדן זיך פאר אבארשען קעיר. אין צוגאב צום אויפשטעלן א לאנד'ס-פירנדע 35 מיליאן דאלארדיגע קאסע צו שטיצן אבארשען קעיר, האט גאווערנער האקול אויך געארבעט מיט די לעגיסלאטור צו אריבערפירן זעקס נייע לאנד'ס-פירנדע געזעצן צו באשיצן און שטיצן פראָוויידערס און פאציענטן.

פריער די וואך, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א לעגיסלאטיווע פעקל צו פארברייטערן צוטריט צו איבער-די-קאונטער הארמאנישע קאנטראסעפשין און פארזיכערן אז יעדע CUNY און SUNY סטודענט האט צוטריט צו מעדיצין אבארשענס אויף קאמפוס. פריערדיגע מאנאט, האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז די סטעיט וועט אנזאמלען די אבארשען מעדיצין Misoprostol אלץ טייל פון די אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן צוטריט צו אבארשען. אונטער די גאווערנער'ס באפעל, האט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט אנגעהויבן איינקויפן Misoprostol כדי צו אנזאמלען 150,000 דאזעס, א סופליי וואס איז גענוג פאר פינף יאר, כדי צו נאכקומען די ערווארטעטע באדערפענישן. גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז אויב די אבארשען מעדיצין Mifepristone ווערט אראפגענומען פון די מארקעט, וועט די סטעיט צוזאגן נאך $20 מיליאן פאר פראוויידערס צו שטיצן צוטריט צו אנדערע שיטות פון קעיר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418